טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

פטרון טהור עינים
חודש אייר
מוה"ר חיים צבי אבערלענדער הי"ו
לכבוד התנא האלוקי רבי שמעון בן יוחאי
זכותו הגדול וזכות של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימינו להתברך בכל מילי דמיטב, אמן.


# מאמר המחבקים

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים


שנה ז | גליון 109 | ל"ג בעומר תשפ"ג לפ"ק


חיזוק
הלכה
עצות

# אן אפגעהיטענע נסיעה

חודש אייר איז אין די לעצטע יארן געווארן א "חודש הנסיעה" ביי טויזנטער אידן ארום דער וועלט. אין שפיץ שטייט, ווי פארשטענדליך, די יומא דהילולא קדישא פון הייליגן תנא רשב"י זיע"א, ווען הונדערטער טויזנטער אידן גייען ארויף צו זיין הייליגן ציון. אין די לעצטע יארן איז ניתוסף געווארן אויך די יומא דהילולא פון הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע, וועמענס ציון איז געווארן א מאגנעט פאר אידן פון איבעראל וועלכע דארפן א ישועה.

פארשטייט זיך אז פאר די פילע טרעוול אגענטן איז די תקופה ספעציעל מסוגל לפרנסה... אבער דאס מיינט אויך אז טויזנטער און טויזנטער אידן, פון אלע שיכטן און קרייזן, טרעפן זיך אין די איצטיגע טעג אין א פלאץ וואו מ'טרעט ווייניג אריין איבער'ן יאר: א לופטפעלד.

מ'דארף נישט צופיל מאריך זיין וואס דאס באדייט זיך געפינען אין א לופטפעלד. די היינטיגע לופטפעלדער זענען א מקור פון טומאה וזוהמא, די ערגסטע שמוציגע תאוות עולם הזה ווערן סערווירט און געפיטערט מיט רייצנדע פארבן פאר די מיליאנען רייזנדע. פון דער רגע וואס מ'טרעט אריין אין זייערע ד' אמות, ווען מ'גייט ארויף אויפ'ן פליגער, און ביז מ'טרעפט זיך ענדליך אינדרויסן אויף דער אנדערער זייט, איז איין לאנגע קייט פון שווערע און ביטערע נסיונות אויף יעדן ריר. מ'קען זייער גרינג זיך טרעפן אין א מצב אז דאס פארן זאל זיין א מצוה הבאה בעבירה.

דער רצון פון יעדן איד איז דאך אודאי צו האלטן ריין זיינע אויגן, מ'דארף אבער זיך אנגרייטן מיט תכסיסי מלחמה פון פריער, וויסן וואו דער יצר כאפט דעם מענטש אז זיינע אויגן זאלן לויפן פריי. אז מ'גרייט זיך אן פון פריער מיט'ן ריכטיגן התבוננות און עצות, קען מען גרינגערהייט דורכגיין די גאנצע נסיעה אומבאריירט, און אדרבא, נאך אהיימקומען מיט עקסטערע געשטאפטע באגאזשן זכותים פון מקיים זיין מצות "ולא תתורו" אזויפיל מאל, עפעס וואס קומט מער אויס ביים "ובלכתך בדרך" ווי ביים "בשבתך בביתך", און וואס די זכותים דערפון זענען אין לשער.

אויף דער בקשה פון פילצאליגע חשוב'ע ליינער שיחיו, ברענגען מיר ארויף דעם ברענעדיגן נושא. און דאס ברענגט אונז אריינצוקריכן אינעם איצטיגן מאמר טיפער אינעם שורש פון דער פראבלעם פון שמירת עינים, וואס שטעלט זיך באזונדער שטארק ארויס ווען ס'קומט צו אזוינע נישט-געווענליכע מצבים, ווי ביים אריינגיין אין לופטפעלד: נייגער

## די שווערקייטן ביים רייזן

ס'איז נישט קיין סוד די שווערע נסיונות אין שמירת עינים וואס זענען דא אין א לופטפעלד, און בכלל דורכאויס א רייזע אין דער לופטן. די רייצנדע קאלירן, די פארבן און לעקטערלעך וועלכע שפרינגען אין די אויגן כסדר, די רעקלאמעס, די גוי'אישע רייזנדע, די מאסיווע סקרינס אין אלע זייטן, אא"וו.

דער אמת איז אז דאס איז נישט דווקא אין לופטפעלד, נאר אומעטום וואו דער גוי ארבעט אווערטיים צו פאנגען דעם אויג און די נשמה מיט זיינע אויפרייסערישע רעקלאמעס און סקרינס. אבער א לופטפעלד איז שטארק בולט מיט דעם און אויף דעם איז דער יעצטיגער שמועס קאנצענטרירט, און פון דעם קען מען מאכן א היקש צו סיי וועלכע גוי'איש אויסגעלאסן ארט.

יעדער ערליכער איד ווייסט אז מ'טאר נישט קוקן אויף ראיות אסורות, און יעדער פרובירט צו טון דאס בעסטע וואס ער קען זיך צו שטארקן דערין. פארוואס, אלזא, איז אזוי שווער דורכצוגיין דעם לופטפעלד מיט ריינע אויגן? וואו איז דער לאך וואס אן ערליכער איד ווערט ארייגעכאפט ביי א נסיעה?

## דעם יצר הרע'ס טריק: נייגער

דער תירוץ אויף דעם אין אייןווארט איז נייגער.

לאמיר דאס בעסער ערקלערן:

ווען דער מענטש פארט אוועק, ער טרעט אריין אינעם ריזיגן טערמינאל, ווערט ער ווי פארכאפט און פארגאפט. ער איז אין א נייעם פלאץ וואו ער איז קיינמאל נישט געווען. יעדע רגע זעט ער א פרישע סצענע וואס ער האט נאך אין זיין לעבן נישט געזען, וואו ער דרייט זיך נאר זעט ער א נייעם באגריף, א רייצנדן דערהער.

דער מענטש איז נייגעריג צו באטראכטן די אלע נייע זאכן, וואס ער זעט נישט ביי זיך אינדערהיים טאג-טעגליך. ווען א מענטש שפאצירט אריין אינעם טערמינאל, וועט זיין קאפ זיך נאטירליך דרייען אין אלע ריכטונגען, וואו די אויגן וועלן אים נאר טראגן. ער רוט נישט קיין סעקונדע; דא זעט מען זיכערהייט אגענטן, לאנגע רייען פון פילפארביגע מענטשן, עראפלאנען, געשעפטן, איינריכטונגען, רענצלעך, קיאסקן, מאסיווע סקרינס אין אלע זייטן, און אזוי ווייטער און ווייטער. יעדע סעקונדע באטראכט ער עפעס אנדערש.

צו דעם קומט נאך אויך צו אז זייענדיג אין לופטפעלד איז מען זייער אפט נערוועז, מיט רייזע פיבער צו כאפן דעם פליגער; אויסגעמוטשעט מיט פארפאסטע נעכט שלאף; הונגעריג פון די געשמאקע עראפלאן-מאלצייטן וואס ניינציג פראצענט גייט אין גארבעדזש; נישט מיושב פון דעם אומ'סדר דעם לעצטן שטיק צייט; אזוי אז מ'פארמאגט נישט די רואיגקייט און קאפ זיך צו קאנצענטרירן ווי אינדערהיים.

## תוכן הגליון


א אפגעהיטענע נסיעה / ספעציעלע מאמר ____ זייט 1
תפילות ובקשות ____ זייט 3
הלכות שמירת עינים / מיוחד לנסיעה ____ זייט 4-7
פראקטישע עצות ____ זייט 4-8



זכות הדפסת הגליון
נתנדב ע"י הרבני הנגיד
מוה"ר עקיבא צבי קליין הי"ו
לע"נ חמיו הרה"ח ר' מנחם זאב ב"ר אברהם אבא
ע"ה - יארצייט כ"א אייר
זכותו הגדולה תעמוד לימין הנדבן להתברך משמי מעל
בכל מילי דמיטב, בני בריכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי,
וסייעתא דשמיא, אמן

# אן אפגעהיטענע נסיעה

פארשטייט זיך אז ער מוז דאך אויך בהכרח קוקן וואו ער גייט, אזוי אז ער קען זיך דאך נישט צומאכן די אויגן און ווערן בלינד אויף אַפּאָר שעה. און אזוי גייענדיג קומען צו פליען פון אלע זייטן באמבעס פון נסיונות אויף זיינע פארצווייפלטע אויגן.

## מיליאנען פאר איין-איינציגער סעקונדע

אייגנטליך, אז מיר וועלן אריינטראכטן א מינוט, וועלן מיר גאנץ שנעל כאפן ווי די תכונה פון נייגער וואס א מענטש פארמאגט ווערט זייער גוט אויסגעניצט טאקע דורך די וואס שטעלן אהער די גרויסע בילבארדס.

אונטער די אלע רייצנדע בילדער און אדווערטייזמענטס ליגט הארעוואניע פון לאנגע חדשים, ווען די גרעסטע מארקעטינג פירמעס און ערפארענע עקספערטן אינוועסטירן מיליאנען דאלארן אויסצושטעלן די רעקלאמעס און בילדער אויף א וועג וואס זאל פאנגען דאס אויג און דעם מענטש. מ'מעג זיי געטרויען, זיי זענען פיפיגע ביזנעסלייט - אויב זיי אינוועסטירן אזויפיל מיליאנען, איז א באוויז אז דאס ארבעט פיין...

און וואס איז זייער ציל מיט דער גאנצרע מעכטיגער און פיל-פארביגער רעקלאמע? איין איינציגע סעקונדע!

יא, די שווערסטע ארבעט פאר די אלע מארקעטינג און פי-אר פירמעס איז די ערשטע סעקונדע, צו מאכן דעם מענטש זאל זיך אויסדרייען דעם קאפ אין דער ריכטונג און קוקן אויף דער רעקלאמע.

איינמאל דער מענטש האט שוין געכאפט א בליק, ווייסן זיי שוין פון ערפארונג אז דער מענטש איז א געפאנגענער. די רעקלאמע איז גוט אויסגעארבעט אז ווען דער מענטש קוקט דערויף ווערט אין אים אנגעצינדן די ערגסטע תאוות הבהמיות, און דערנאך האבן זיי שוין דעם מענטש אין די הענט; זיי קענען אים דרייען און פירן אין וועלכער ריכטונג זיי ווילן נאר.

זייער גאנצע כח און מח, צייט און געלט, וועלן זיי דעריבער אריינלייגן אין דער ערשטער סעקונדע, צו מאכן דעם מענטש גענוג נייגעריג צו געבן נאר איין בליק. זיי וועלן אוועקשטעלן און אויסארבעטן די רעקלאמע אויף א וועג וואס וועט פארזיכערן אז פון די אלע סעקונדעס און בליקן צו אלע זייטן, זאל איין בליק פאלן אויף זייער רעקלאמע, און דאן, ווי געזאגט, איז שוין דער מענטש ביי זיי אין די הענט.

## איין נייגעריגער בליק

דא קומען מיר אן צום שליסל, דער שפיץ פון שמירת עינים ביי א נסיעה: די סעקונדע פון נייגער. דאס איז דעם יצר הרע'ס גרעסטער טריק.

געווענליך וועט דער מענטש נישט אנהייבן מיט'ן קוקן אויף ריכטיגע דברים האסורים. אן ערליכער איד ציטערט דאך פון יעדער דבר עבירה, און דער יצר הרע ווייסט זייער גוט אז ער וועט קומען תיכף רעדן וועגן באטראכטן דעם פריצות'דיגן ארום, וועט ער זיך באלד אנשטויסן אין א קאטעגארישן "וימאן" מיט א גרויסן שלשלת.

אבער וואס איז דען די פראבלעם מיט קוקן אויף אומשולדיגע טישלער, מאדנע-אויסזעענדע בענקלער, סתם מאלערייען אויף די ווענט אד"ג - זיך אומקוקן אויף דער אומבאקאנטער און העכסט-אינטערעסאנטער סביבה?

וואס פאסירט אבער איז אז אין דער זעלבער מינוט פאלט דאס אויג אויך אויף אנדערע זאכן וואס ער האט גענצליך נישט געוואלט זען. די אויגן וואנדערן, און פאלן אויך אויף פריצות'דיגע מענטשן, רעקלאמעס, און פארשידענע דברים טמאים וואס געפינען זיך דארט. מען קוקט שנעל אוועק, דאן קומט נאך איינס און נאך איינס, נאך א קוק און נאך א קוק, און מ'טרעפט זיך רח"ל מיט די ערנסטע נסיונות פון שמירת עינים.

די אלע איינצלנע נייגעריגע בליקן דינען פאקטיש אלס בריק אז דער ערליכער איד זאל אריינצופאלן אין נסיונות. טאקע בלויז איין סעקונדע - דארט וועט דער יצר הרע פארלייגן זיינע גרעסטע כוחות. ווייל איינמאל די סעקונדע פון נייגער האט שוין געטון אירס, איז דער וועג זיך ארומצוקוקן אויף אלע זייטן זייער געשמירט.

## עקסערסייז פאר'ן זיך ארויסלאזן אין וועג

אלזא, אויב נייגער איז דער מקור וואו די נסיונות אין דעם מקום זוהמא הייבן זיך אן, דארף א מענטש אדרעסירן די פראבלעם פון איר שורש, דהיינו באקעמפן די שלעכטע נייגער.

ווי אזוי באקעמפט מען די נייגער? צו דעם דארף מען פשוט מאכן אביסל עקסערסייז.

איידער א איד פארט אויף א נסיעה, זאל ער זיך אפשטעלן אינדערהיים טראכטן בעפאר מ'קומט אן צום לופטפעלד. וויסן אז מ'גייט זיך טרעפן אין א מקום פריצות וזוהמא, און וויסן אז ס'גייט ציען צו קוקן אין אלע זייטן. מיט אביסל התבוננות פון פריער, אז מ'ווייסט אין וואס מ'גייט אריין און וויאזוי מ'דארף זיך פירן, איז אלעס אסאך לייכטער, און מ'קומט ארויס הייליג און ריין פון די מקומות הטומאה בס"ד.

דאס איז א געוואלדיגער מהלך וואס ארבעט פאר זייער אסאך מענטשן. טראכטן ווען מ'זיצט אינדערהיים אויפ'ן בענקל איידער מען לאזט זיך ארויס אויפ'ן וועג צום לופטפעלד. יעצט איז מען דאך בכלל נישט נייגעריג צו זען קיין שום אינטערעסאנטע סצענע וואס מ'וועט באלד באגעגענען; יעצט זיצט ער אין זיינע אייגענע פיר ווענט, וואו די שכינה רוט און קיין ראיה אסורה טרעט נישט איבער דעם שוועל.

אין יענער רואיגער מינוט חזר'ט ער צו זיך אליין: איך בין נישט נייגעריג, איך בין נישט נייגעריג, איך בין נישט נייגעריג. און דאס זעלבע אויפ'ן וועג צום לופטפעלד ווייסט ער ביי זיך, איך בין נישט נייגעריג. און ווען ער קומט אן צו דער טיר פון לופטפעלד, ווייסט ער אז ער טרעט יעצט אריין אין א טערמינאל וואס ער איז בכלל נישט נייגעריג דערויף...

מ'דארף טאקע זען וואו מ'גייט, אבער דאס, און בלויז דאס. מ'קוקט זיך נישט ארום, מ'באטראכט נישט גארנישט "אינטערעסאנט". פונקט ווי ס'האט מיך נישט אינטערעסירט זייענדיג אינדערהיים, דארף מיר עס יעצט פונקט אזוי נישט אינטערעסירן. איך קוק נישט אין ערגעץ און אויף גארנישט, אויסער וואס ס'איז ממש א הכרח המציאות צו קענען גיין א טריט פאראויס.

## בשבתך בביתך ובלכתך בדרך

אינ'אמת'ן, ווי מיר האבן אנגעהויבן דעם מאמר, איז די עצה נישט געבונדן דוקא צום לופטפעלד. נאר דאס איז יעצט דער נושא, און דארט זענען געווענליך די נסיונות גאר שטארק פאר אן ערליכן איד, דעריבער פעלט אויס היבשע "עקסערסייז" פון פאראויס, צו קענען זיין פעסט און שטאנדהאפטיג נישט צו קוקן אין ערגעץ און אויף גארנישט.

אבער יעדעס מאל פאר מ'גייט ארויס אין גאס קען מען טראכטן דאס זעלבע. איך בין נישט נייגעריג. עפעס וואס איך זע נישט יעצט און מאכט מיך יעצט נישט נייגעריג, דארף מיך אויך נישט מאכן נייגעריג ווען כ'וועל שטיין אויף דער גאס פנים אל פנים מיט דער "מורא'דיג אינטערעסאנטער" זאך.

ווען דער מענטש נעמט זיך גוט אריין אין קאפ אז נייגער איז געווענליך סתם א פארבלענדעניש, כאולי אויב מ'וועט עס נישט זען פארפאסט מען עפעס, והא ראיה אז אינדערהיים בין איך בכלל נישט געווען נייגעריג צו זען יענע לעקטער אדער יענעם טאוול, איך האב אפילו נישט געוואוסט אז ס'פעלט מיר עפעס... כאפט מען זיך באלד אז נייגער איז דעם יצר הרע'ס בעסטער טריק. און אז מ'מאכט אפ ביי זיך אז מ'האט נישט קיין שום נייגער, ס'אינטערעסירט מיר נישט וואס טוט זיך ארום, צעפאלט אלעס ווי א קארטן שפיל.

## נישט זיין נייגעריג

דער כח פון נייגער איז זייער שטארק און איז איינגעווארצלט אין יעדן מענטש. ס'איז א נאטור מיט וואס מ'ווערט געבוירן, אז מ'וויל אלץ זען און געוואויר ווערן נייע חידושים, און דאס ווייסט יעדער פון זיך אליין.

אבער אין דער זעלבער צייט איז דאס, ווי דערמאנט, דער מקור וואס איז גורם אזויפיל שלעכטס, און דערפאר דארף א מענטש וויסן ווען ער קען זיך באניצן דערמיט און ווען ער דארף ארבעטן דערויף. דאס איז נישט קיין נייער חידוש, נאר דאס האבן אונז געלערנט אלע גדולי הדורות הקודמים זי"ע.

צדיקים האבן געווארנט איבער דער מידה פון נייגעריקייט אז דאס איז שעדליך און ס'איז גורם צו עבירות. דער הייליגער **ראפשיצער רב זי"ע** בעל זרע קודש האט אמאל געזאגט: "נייגער ברענגט צו אלע תאוות רעות רח"ל". (רזא דעובדא, שער האותיות ע' ק).

אין א בריוו בענין שמירת עינים שרייבט **הרה"ק מתולדות אהרן זי"ע**: "די עיקר עצה איז נישט צו זיין נייגעריג בכלל, נישט אין גאס ווען מען גייט, און נישט אויף קיין שום זאך. דאס איז דער ערשטער גדר פאר שמירת עינים". (אסיפת מכתבים, ח"א מכתב צא).

**הגה"צ רבי בנימין ראבינאוויטש זצ"ל** פלעגט אסאך מעורר זיין ביי זיינע דרשות איבער דעם ענין פון נייגער, ווייל דאס ברענגט מען זאל נכשל ווערן אין שמירת עינים און נאך פיל אנדערע פראבלעמען. איינמאל האט ער געזאגט אויף דעם א שארפן אויסדרוק: "נייגעריגקייט איז טאקע נישט קיין עבירה, אבער צו וואס נייגעריגקייט קען צוברענגען קען קיין שום עבירה נישט צוברענגען!" (עבודת בנימין, שער הקדושה).

## די אויגן זענען עפעס הפקר?

עס ווערט דערציילט אויף **הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל** אז ער איז איינמאל געגאנגען אין גאס מיט נאך א איד, און פלוצלינג האט פאסירט הינטער זיי א צוזאמשטויס פון קארס און עס האט זיך געהערט א גרויסער רעש. דער איד וואס האט באגלייט רבי אביגדור האט זיך נאטירליך געגעבן א דריי אויס צו זען וואס עס האט פאסירט, אבער צו זיין וואונדער זעט ער ווי ר' אביגדור איז געבליבן שפאנען מיט א גראדן קאפ, זיך נישט מאכנדיג צוטון בכלל פון דעם גאנצן געשעעניש.

דער איד האט אויסגעדריקט זיין וואונדער אויף דעם: "פארוואס דרייט זיך דער רב נישט אויס ווען ס'פאסירט אזא שוידערליכע זאך הינטער אייער רוקן?"

האט רבי אביגדור זצ"ל רעאגירט מיט א פשטות: "די אויגן זענען עפעס הפקר?"

## אן ארמיי פון טויזנטער מלאכים

די נייגער וואס ציט א מענטש צו קוקן אויף אלעם ארום איז נישט בלויז א נאטור מיט וואס מ'ווערט באשאנקען, נאר ס'זענען פארהאן ספעציעלע כוחות מיט אומצאליגע מלאכים וואס זענען געשטעלט אויף דעם. ווי ס'שטייט אין **זוהר הקדוש** (פרשת פקודי דף רסג.):

**עס איז פארהאן א ממונה וואס צענדליגער טויזנטער מלאכים זענען אונטער אים, און ער ווערט גערופן מיט'ן נאמען פְּתוֹת. דער פְּתוֹת רוט אויף דעם מענטש און איז געשטעלט אים איבערצורעדן צו קוקן אויף וואס מען טאר נישט, און די אלע מלאכים וואס זענען מיט אים גייען פארנט פונעם מענטש און זיי פרובירן צו באצווינגען די אויגן צו קוקן וואו מען דארף נישט.**

די ווערטער פונעם הייליגן זוהר הק' איז אונז מגלה אז די עבודה פון שמירת עינים איז נישט בלויז א מלחמה מיט אונזער נאטור פון נייגער, נאר דא געפינען זיך ספעציעלע מלאכים וואס זענען געשטעלט איבערצורעדן דעם מענטש, און טאקע וועגן דעם איז אסאך מאל שווער צו היטן די אויגן, און דער מענטש שפירט ווי כאילו ער מוז זיך ארומקוקן און ער קען נישט איינהאלטן זיינע אויגן. דאס איז אלץ די ארבעט פון די מלאכי חבלה וואס פרובירן מיט אלע כוחות צו באצווינגען דעם מענטש צו קוקן וואו מען טאר נישט.

**הרה"ק מקאצק זי"ע** האט געזאגט: "ווען א איד גייט אין גאס, גייען מיט מיט אים טויזנטער מלאכי חבלה, און זיי פרובירן צו עפענען זיינע אויגן ער זאל קוקן וואו מען טאר נישט. און אויב שטארקט ער זיך אויף זיי און ער היט זיינע אויגן, שאפט דאס גאר א גרויסן נחת רוח פארן רבש"ע, זעענדיג וויאזוי א בשר ודם שלאגט זיך און האלט מלחמה מיט טויזנטער מלאכי חבלה!" (ספר עמוד האמת, אמרות ושיחות - מלחמת היצר).

# תפילות

## הגה"ק בעל שומר אמונים זצוק"ל

טהרת הקודש

וּתְזַכֵּנִי לְקַדֵּשׁ אֶת עֵינַי שֶׁלֹּא אֶסְתַּכֵּל וְלֹא אֶרְאֶה בִּמְקוֹמוֹת הָאֲסוּרִים, וּבְשׁוּם מָקוֹם שֶׁהוּא נֶגֶד רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, וְלֹא יֶאֱרַע וְלֹא יִזְדַּמֵּן לִי שׁוּם רְאִיּוֹת וְהִסְתַּכְּלוּת רַע, שֶׁלֹּא יִגְרְמוּ לִי אֵיזֶה הֶזֵּק לְנִשְׁמָתִי הַקְּדוֹשָׁה חָלִילָה.

## הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א

נמסר במיוחד למפעל טהור עינים כדי לפרסמו בקרב עם סגולה

לְשֵׁם יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ, בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ, הִנְנִי מְכַוֵּן בִּשְׁמִירַת עֵינַי וּמַחְשְׁבֹתַי לְקַיֵּם מִצְוַת בּוֹרְאִי שֶׁצִּוָּנִי לִשְׁמֹר אֶת עֵינַי וּמַחְשְׁבֹתַי, כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר וְלֹא תָתֻרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם, לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לְהַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ.

~

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַייְנֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל הָאבְּן דִי כּוֹחוֹת זִיךְ מִתְגַּבֵּר צוּ זַיין אוֹיף יֶעדְן נִסָּיוֹן אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם. אִיךְ זָאל זַיין בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף מַייְנֶע אוֹיגְן נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף קֵיין שׁוּם זַאךְ וָואס אִיז קֶעגְן דַיין רָצוֹן, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה, וְלֹא תָתֻרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי מִיר מַצִּיל אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט בַּאגֶעגֶענֶען אוּמְוִוילְנְדִיג מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת אוֹיף קֵיין שׁוּם אוֹפָן, אַזוֹי וִוי דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען, הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא. אוּן אוֹיב וֶועל אִיךְ מִיר גֶעצְווּאוּנְגֶענֶערְהֵייט אָנְטְרֶעפְן מִיט אוּמְרֵיינֶע זַאכְן, אוֹיף דֶער גַאס, בֵּיי דֶער אַרְבֶּעט, אָדֶער סֵיי וואוּ, בֶּעט אִיךְ דִיר, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַז דָאס זָאל נִישְׁט מַאכְן קֵיין שׁוּם רוֹשֶׁם אוֹיף מִיר אוּן עֶס זָאל נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קֵיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת. אַדְּרַבָּה, דִי אַלֶע זַאכְן זָאלְן זַיין פַאר'מִיאוּס'ט אִין מַייְנֶע אוֹיגְן, אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען בֶּאֱמֶת.




## התנצלות

צוליב מאנגעל אין פלאץ האבן מיר נישט געקענט אריינשטעלן א גרויס חלק פון די מעסעדזשעס פונעם ציבור. אי"ה עוד חזון למועד.

אויב האט איר סיי וואספארא הערה/הוספה בנוגע שמירת עינים ביי א נסיעה. רופט
#1-2 845.999.4114

# אן אפגעהיטענע נסיעה

## פראקטישע עצות

איבערגעגעבן
דורך די לייענער

פאלגנד איז אן אויסוואל פון פארשידענע עצות וואס זענען אנגעקומען צום מערכת פון די חשוב'ע לייענער. מיר וויסן דאך אז כשם שאין פרצופיהן שוות כך אין דיעותיהם שוות, אזוי אז פאר יעדן זענען אנדערע עצות בייהילפיג, און יעדער קען ארויסנעמען פון דער ליסטע וואס ער שפירט אז ס'קען אים העלפן מיט שמירת עינים אויף א נסיעה:

~

### הכנה דרכה

1 **תפילה** - די ערשטע זאך, זיך אנגרייטן מיט תפילות איידער דער נסיעה, און בעטן ביים רבש"ע אז מ'זאל האבן אן אפגעהיטענעם וועג. אויך דורכאויס דער רייזע קען מען כסדר מתפלל זיין "העבר עיני מראות שוא". אן עצה טובה איז צו זאגן די ווארעמע תפילה אין אידיש פון הגה"ק רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א (בייגעלייגט אינעם גליון).

2 **פינף מינוט התבוננות** – זייער א שטארקע זאך איז זיך אפצושטעלן פאר 5 מינוט איידער מ'פארט ארויס, און אריינטראכטן וואו מ'גייט און וואו מ'דארף זיך אלץ צו היטן. דאס ברענגט א שטארקע קלארקייט צו וויסן וואו זיך אכטונג צו געבן, ווייל אסאך מאל ווערן מען נכשל פשוט ווייל מ'איז נישט מיושב (זע אויך אינעם רייכן מאמר אין דעם גליון, זייט 1).

3 **צדקה** – אפאר דאלאר אינעם פושקע שאדט קיינמאל נישט, און קען מגין און מציל זיין מ'זאל קענען פארן אן מכשולות. אידן האבן געזען דורכדעם אסאך סייעתא דשמיא.

4 **גיין מיט נאך אידן** – אז מ'פארט א קבוצה ערליכע אידן אינאיינעם, מאכט עס פיל לייכטער די נסיונות. און אפילו אויב גייט מען בלויז מיט נאך איין ערליכער חבר העלפט עס אסאך (הגה"ק בעל ויחי יוסף מפאפא זצ"ל, מובא בישראל קדושים פ"ד בשם קונטרס יד כהן).

5 **נישט זיין נייגעריג** - זיך אריינעמען אין קאפ לאורך כל הדרך: יעצט גיי איך ארבעטן אויף מיין נייגער, איך גיי נישט זיין נייגעריג צו זען אלעס. בפרט ווען מ'קומט אן צו א ניי לאנד/שטאט צום ערשטן מאל (זע בהרחבה אינעם רייכן מאמר אין דעם גליון, זייט 1).

6 **זיך נישט שעמען** – אפמאכן ביי זיך אנהייב נסיעה אז מ'גייט נישט האבן

<<<

## הלכות שמירת עינים

### ביים פארן אויף א נסיעה

*פארנדיג אויף א נסיעה, פאדערט זיך א כאזונדערע זהירות צו היטן די אויגן אויף טריט און שריט – אינעם לופטפעלד, אויפ'ן עראפלאן, און ארומפארנדיג אין פרעמדע געגנטער וואו עס זענען פאראן גאר אסאך מכשולות אין שמירת עינים. דעריבער וועלן מיר דא שרייבן עטליכע וויכטיגע הלכות וואס זענען נוגע אין די מצבים.*

**הסתכלות בנשים:** עס איז אסור על פי הלכה צו קוקן אויף פרעמדע פרויען, אזוי ווי עס שטייט ארויסגעשריבן אין פסוק "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם", און אזוי ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך און אין די פוסקים. | **שלחן ערוך** (אבה"ע סי' כא ס"א)[א], **בית יוסף** (אבה"ע שם)[ב], **דרך פקודיך** (ל"ת ל"ה אות ו)[ג], **משנה ברורה** (או"ח סי' עה ס"ק ז)[ד].

דער איסור פון הסתכלות בנשים איז ספעציעל הארב ווען מען געפינט זיך אין אויסגעלאסענע מקומות, וויבאלד ביי נשים פרוצות איז נישט פאראן קיין חילוק צווישן "הסתכלות" און "ראיה בעלמא לפי תומו", נאר אפילו בלויז בראיה בעלמא איז אסור. | **פרי מגדים** (או"ח סי' עה), **משנה ברורה** (שם)[ו].

דער איסור פון הסתכלות בנשים איז אפילו מען קוקט בלויז איין רגע ברצון. | **פרדס רימונים** (יו"ד סי' קצה שפתי חכם ס"ק כ)[ז], **ערוך השלחן** (אבה"ע סי' סה אות ג)[ח].

**שמירת המחשבה:** אויך טאר מען נישט טראכטן קיין אומאיידעלע מחשבות. אויב קומט אריין א הרהור זאל מען מסיח דעת זיין און טראכטן פון דברי תורה, אדער אנדערע זאכן. | **שלחן ערוך** (אב"ע סי' כג סי' ג)[ט].

דאס לערנען חז"ל ארויס פונעם פסוק "ונשמרת מכל דבר רע". אזוי אויך איז דאס אין כלל פון ולא תתורו וכו'. | **ע"ז** כ: ועוד', **ב"י** (אב"ע שם), **לבוש** (אב"ע שם ס"א), **בית שמואל** (אב"ע שם), **חכמת אדם** (כלל קכז ס"ב).

**שמירת עינים אינעם לופטפעלד:** היות א לופטפעלד איז א פלאץ מיט אסאך מכשולות אין שמירת עינים, דעריבער דארף מען שטארק אכטונג געבן זיך נישט ארומצוקוקן, כדי מען זאל נישט נכשל ווערן מיט'ן זען דאס פריצות דארט. על פי הלכה איז מען מחויב זיך אנצושטרענגען נישט צו זען קיין נשים פרוצות אפילו עס קומט אן שווער, ווי חז"ל זאגן אז אויב דארף מען גיין אויף א פלאץ ווי עס איז דא פריצות, דארף מען זיך צווינגען נישט צו זען. | **גמ' ב"ב** נז:[יא], **אגודה** (ב"ב שם)[יב], **יד רמה** (ב"ב שם)[יג].

איידער מ'פארט אויף א נסיעה, זאל מען ארייינקלערן וויאזוי מען וועט זיך היטן מיט גדרים וסייגים אינעם לופטפעלד מ'זאל קענען דורכגיין בשלום.

**ווען מ'האט נישט קיין ברירה:** אין פעלער וואס מען האט נישט קיין ברירה און מען באמערקט געצוואונגענערהייט די וואס דרייען זיך אינעם לופטפעלד, צב"ש ווען מען קוקט אויף א שילד וואו צו גיין, אדער מען דארף טרעפן די פעקלעך,

---

**א.** שלחן ערוך: "צריך להתרחק מן הנשים מאד מאד, ואסור להביט ביפיה, ואסור להסתכל בנשים העומדות על הכביסה, והמסתכל אפילו באצבע קטנה של אשה וכו', ואסור לראות שערה, והמתכוון לאחד מאלו הדברים מכין אותו מכות מרדות", עכ"ל. וכתב הרמב"ם (פ"ד מהלכות תשובה ה"ד): "המסתכל בעריות מעלה על דעתו שאין בכך כלום, שהוא אומר וכי בעלתי או קרבתי אצלה, והוא אינו יודע שראיית העינים עוון גדול, שהיא גורמת לגופן של עריות, שנאמר ולא תתורו אחרי לבבכם".

**ב.** בית יוסף: "כתוב בארחות חיים בשם ה"ר יונה, אסור להסתכל באשת איש מן התורה, שנאמר ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, ואסור להסתכל בפנויה מדברי קבלה, שנאמר (איוב ל"א) ברית כרתי לעיני ומה אתבונן על בתולה, וכל המסתכל באשת איש מכשיל ומכחיש כח יצרו הטוב והודו נהפך עליו למשחית, שכך אמרו ז"ל (סנהדרין צב ע"א) כל המסתכל בעריות קשתו נגערת", עכ"ל. ועי' בבית שמואל (אה"ע שם סק"ב) שנחלקו בזה הראשונים, דרבינו יונה ס"ל שאיסור הסתכלות בנשים הוא מן התורה, והרמב"ם ס"ל דהוה מדרבנן.

**ג.** דרך פקודיך: "ותדע ידידי, שהרבה מהמון עם חושבים כי זה רק מילי דחסידי ואינם נזהרים מהסתכלות בנשים, תדע ידידי שזה איסור מדאורייתא, והמקילים אוי לנפשם כי גמלו להם רעה, והנה מקרא מלא הוא בתורה 'ולא תתורו [אחרי לבבכם ואחרי עיניכם]' וכו'. ראה ידידי עד היכן הדברים מגיעים, וכל ההמון אינם חושבים זה לאיסור רק למילי דחסידי, וחלילה חלילה לשמוע לדבריהם", עכ"ל.

**ד.** משנה ברורה: "לענין איסור הסתכלות וכו', המסתכל באשה אפילו באצבע קטנה כיון שמסתכל בה ליהנות עובר בלאו ד'לא תתורו אחרי עיניכם', ואמרו (ברכות סא.) שאפילו יש בידו תורה ומעשים טובים לא ינקה מדינה של גיהנם", עכ"ל.

**ה.** עיין פרטי החילוק בין "הסתכלות" לבין "ראיה בעלמא לפי תומו" בגליון לפסח תשע"ח, ובמדור "אוצר הלכות" (דיני הסתכלות בנשים, גליון 69).

**ו.** משנה ברורה: "במקומות שדרך להיות מכוסה, כגון זרועותי' וכהאי גוונא שאר מקומות הגוף, אף ראי' בעלמא אסור".

**ז.** פרדס רימונים: "לא חילקו בהסתכלות בערוה ובנגיעה בין שעה מועטת לזמן מרובה, וכמבואר בכמה דוכתא", עכ"ל.

**ח.** ערוך השלחן (על מה שמבואר בשו"ע אבה"ע סי' סה שלא התירו להסתכל על כלה אפי' ביום ראשון): "ואסור להסתכל בפני הכלה אפילו רגע אחד בהסתכלות יתירה", עכ"ל.

**ט.** שלחן ערוך: "אסור לאדם שיקשה עצמו לדעת או יביא עצמו לידי הרהור, אלא אם יבוא לו הרהור, יסיע עצמו מדברי הבאי לדברי תורה שהיא אילת אהבים ויעלת חן". וביפה לבב (ח"ו אבה"ע סי' כג ס"ל) פירש דברי השו"ע הנ"ל שיסיע דעתו לדברי תורה דהיינו אם הוא תלמיד חכם יעסוק בתורה, אבל אם הוא עם הארץ יעסוק במלאכה ועל ידי זה לא יגיע להרהור, כדאיתא במסכת אבות (פ"ב מ"ב) דטוב תורה עם דרך ארץ שיגיעת שניהם משכחת עון. וכ"כ בספר טובי חיים [מבעל מסגרת השלחן] על התנא דבי אליהו (פי"ח) וז"ל: "יסיח דעתו תיכף לדברי תורה או אפילו למילי דעלמא כל מה שיכול בנקל שידחה לגמרי הרהור רע ר"ל", עכ"ל.

**י.** ע"ז: "ונשמרת מכל דבר רע, שלא יהרהר אדם ביום ויבוא לידי טומאה בלילה". וכ"ה בכתובות (מו.). ועוד דרשו חז"ל (ברכות יב:), "ולא תתורו אחרי לבבכם זו מינות, ואחרי עיניכם זה הרהור עבירה". ועי' בחכמת אדם (כלל קכז ס"ב) ובערוך השלחן (סי' כא אות א) דהמהרהר עובר גם על לא תתורו. ועי' פתח הדביר (ס' ג') בשם ספר פועל צדק דמחמת חומר האיסור הטילו חז"ל עליו ב' לאוין. וע"ע בשו"ת אג"מ (ח"א אה"ע סי' סט).

**יא.** ב"ב: "ועוצם עיניו מראות ברע, א"ר חייא בר אבא זה שאין מסתכל בנשים בשעה שעומדות על הכביסה, היכי דמי, אי דאיכא דרכא אחריתא רשע הוא, ואי דליכא דרכא אחריתא אנוס הוא, לעולם דליכא ד"א ואפ"ה מיבעי למינס נפשיה". פרשב"ם "למינס נפשיה. להטות עיניו לצד אחר". [ואף שהרשב"ם (שם) כ' שבהכ"ג מקרי חסיד, ומשמע דצריך לעשות כן למינס נפשיה רק ממידת

אד"ג איז דאס נישט אסור, כל זמן מען טוט דאס מערסטע נישט צו זען.[יד] מען דארף נאר זייער אכטונג געבן צו קוקן ממש נאר וואס מען מוז, און אויב באמערקט מען עפעס זאל מען תיכף מסיח דעת זיין.

**געזען בטעות:** אויב באמערקט מען א ראיה אסורה בטעות און מען קוקט תיכף אוועק, הייסט דאס נישט ווי מען האט עובר געווען אויפ'ן איסור הסתכלות אפילו בשוגג. אזוי אויך אויב קומט אריין שלעכטע מחשבות און מען איז תיכף מסיח דעת דערפון, איז מען נישט עובר אויפ'ן איסור פון הרהור אפילו בשוגג, וויבאלד די תורה זאגט דעם לשון "ולא תתורו", איר זאלט נישט נאכשפיאנירן, דהיינו מיט'ן אייגענעם ווילן. | **דרך פקודיך** (ל"ת לה)[טו], **א"א בוטשאטש** (או"ח סוף סי' שו)[טז].

אדרבה, יעדעס מאל וואס מ'האלט זיך אפ פון קוקן אדער טראכטן, איז מען מקיים די מצוות דאורייתא פון ולא תתורו און ונשמרת, און מ'דארף זיך פרייען מיט דעם פונקט וואו מ'פרייט זיך מיט'ן מקיים זיין א מצות עשה | **דרך פקודיך** (שם), **תניא** פרק כז.

**זיך ארומדרייען/איינקויפן:** זייענדיג אין לופטפעלד, דארף מען זען אוועקצושטיין ווי מער פון נסיונות, ווי חז"ל זאגן (סנהדרין קז.) "לעולם אל יביא עצמו לידי נסיון" - א מענטש זאל זיך קיינמאל נישט ברענגען צו א נסיון. אויב דארף מען וויכטיג עפעס ערלעדיגן, זאל מען גיין מיט א שטארקע זהירות נישט נכשל צו ווערן מיט ראיות אסורות.

**דער געוואלדיגער שכר:** יעדער רגע וואס מען געפינט זיך אינעם לופטפעלד אדער עראפלאן און מען היט זיך די אויגן, איז מען זוכה צו א געוואלדיגן שכר. ווי חז"ל זאגן (ויקרא רבה, כג יג) "כל מי שרואה דבר ערוה ואינו זן עיניו ממנה, זוכה להקביל פני השכינה" - ווער עס באמערקט א ראיה אסורה און ער האלט זיך אפ פון קוקן ווייטער, וועט ער זוכה זיין צו מקבל זיין פני השכינה לעתיד לבוא.

נאך זאגן חז"ל (ירושלמי, ברכות פ"א ה"א) "אמר הקדוש ברוך הוא אי יהבת לי לבך ועיניך אנא ידע דאת לי" - דער רבש"ע זאגט: אויב גיבסטו מיר דיין הארץ און דיינע אויגן, דאן ווייס איך אז דו ביסט מיינס.

אזוי אויך איז דאס א גרויסע שמירה פאר'ן וועג, ווי עס שטייט אין תפארת שלמה (במאמרים לשבת קודש, בד"ה מעין עוה"ב) אז לויט וויפיל א מענטש היט זיינע אויגן, אזויפיל היט אים אויך דער רבש"ע.

**אחורי אשה:** אין שלחן ערוך ווערט גע'פסק'נט אז מען טאר נישט גיין הינטער א פרוי, אפילו זי איז געקליידט בצניעות. | **שלחן ערוך** (אבה"ע סי' כא ס"ב)[יז], **באר היטב** (שם ס"ק ב')[יח].

אויב טרעפט מען זיך גיין הינטער א פרוי, זאל מען אנפאנגען גיין שנעל ביז מען קומט אן פארנט פון איר[יט] אדער אין דער זייט[כ]. אויב קען מען נישט, דארף מען זיך אפשטעלן ביז זי דערווייטערט זיך[כא], אדער גיין אויף אן אנדערן וועג (זע ווייטער וויאזוי מ'זאל זיך פירן אין לופטפעלד). | **שלחן ערוך** (אבה"ע שם), **שו"ת הרדב"ז** (ח"ב סי' תשע)[כב].

די פוסקים ערקלערן אז דער איסור פון אחורי אשה איז אפילו מען קוקט נישט אויף די פרוי, נאר מען קוקט אראפ צו דער ערד, מיט דעם אלעם איז עס אסור. | **שו"ת הרדב"ז** (שם), **פתחי תשובה** (אבה"ע סי' כא ס"ק א')[כג].

---

חסידות, (דמעיקר הדין כיון דרואה את הנשים בעל כרחו בדרך הליכתו א"כ נחשב כאונס על מה שרואה), מ"מ דעת הרמב"ם והשו"ע (אבה"ע שם) נראה דאין זה ממידת חסידות, אלא חייבין כן מן הדין, שכתבו סתמא בלשון איסור "אסור להסתכל בנשים העומדות על הכביסה", ולפי המבואר בגמ' הרי זה במקום דליכא דרכא אחרינא וצריך למינס נפשיה שלא לראותן דאל"ה אסור לו לילך שם כלל (כן מבואר דעת הרמב"ם והשו"ע בספר ערוגת הבושם להגאון ר' מיכאל בכרך זצ"ל אבה"ע סי' כא ס"א, שו"ת אז נדברו ח"ז סי' עה, שו"ת משיב נבונים יו"ד סי' מח ע' קעז, וכן מבאר בהרחבה הרה"ג ר' יואל גוטמאן שליט"א בתשובה הנדפס בסוף ספר ושכנתי בתוכם, אולם עיין שו"ת אגרות משה אבה"ע סי' נו, חוט שני, לבושה של תורה סי' ע אות פה, שהעתיקו מ"ש הרשב"ם שהוא רק ממדת חסידות).

**יב.** באגודה כ' דצריך "לצער נפשו" כדי שלא לראותן.

**יג.** ביד רמה כ' עוד יותר, דצריך "לסיכוני בנפשיה", דאף שיש לחוש שאם לא יביט באורחא שהולך יפול ויתקל בדרכו, מ"מ צריך לסיכוני בנפשיה.

**יד.** דהנה בשעת הדחק כשאין ביד האדם למינס נפשיה ורואה את האשה או התמונה בעל כרחו, אם הוא רואה אותה רק בראיה בעלמא ואינו מתכוון להסתכל בהדיא, יש לצדד שזה בכלל ההיתר דאי ליכא דרכא אחרינא אנוס הוא, דבזה התירו חז"ל אף אם הוא בעל כרחו רואה את הנשים העומדות שם כמבואר ברשב"ם (וכן ביאור הרה"ג ר' יואל גוטמאן שליט"א, שם). וכן יוצא ע"פ שו"ע הרב (סי' עה וקו"א שם), שו"ת בשו"ת תורה לשמה (סי' שצד), שו"ת אג"מ (אבה"ע ח"ב סי' יד), שו"ת תפארת נפתלי (סי' קכ), לבושה של תורה (שם).

**טו.** דרך פקודיך: "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם (במדבר טו לט), לאפוקי אם ראה פתאום בלא הודע שלא בכוונה, אינו עובר, אבל צריך תיכף להיות עוצם עיניו", עכ"ל. היינו דולא תתורו הוא לשון תיור, כמ"ש רש"י שם (ד"ה ולא תתורו) שהוא מלשון 'וישיבו מתור הארץ' (במדבר יג כה), ולכן אם אינו מתייר לראות בכוונה רק ראה פתאום בלא ידיעה מקודם אין זה בכלל האיסור.

**טז.** אשל אברהם בוטשאטש: "איסור הסתכלות בערוה וכדומה איסורי הסתכלות, אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו בזה, והקפידה רק במה שבידו לעצום עיניו משם תיכף שנזכר ולהסתכל לצד אחר, או לעצום עיניו לגמרי ואינו עושה כן, שמאז והלאה הוא בגדר הסתכלות, מה שאין כן ראיה בעלמא דרך העברה בעלמא במה דאתיא לפניו וכו'", עכ"ל.

**יז.** שלחן ערוך: "פגע אשה בשוק אסור להלך אחריה, אלא רץ ומסלקה לצדדין או לאחריו", ע"כ. ולאו דוקא בשוק אסור, אלא הוא הדין בחצר ובבית (שו"ת תורה לשמה סי' שפב). ולפי"ז יש להזהר בשעת הכניסה בבית או על באס, עראפלאן, וכדו' שלא לילך אחורי אשה. ובענין ישיבה אחורי אשה יש אוסרים ויש מתירים, עי' בשו"ת ויברך דוד (ח"ב סי' קכא דף יג) מה שכתב בזה, ובספר גן נעול (ח"א פ"ד אות יב-יג) מה שליקט בזה.

**יח.** באר היטב: "איסור זה הוא בכל הנשים ובכל מהמקומות, אפילו במקום שהנשים הולכות מכוסות מכף רגל עד ראש", עכ"ל.

**יט.** ואע"פ שבשעה שרץ ומסלקה לצדדין הולך אחוריה סמוך לה. (שו"ת הרדב"ז שם).

**כ.** היינו שיסלקה לצדדין "באופן שלא יראה עוד תנועותיה" (שו"ת הרדב"ז ח"ב סי' תשע). וכן פסק בשו"ת שבט הלוי (חי"א סי' רפה אות ג): "אשר שאל כשמהלך אחורי אשה אם אסור דוקא במכוון אחריה או אף שמצדדים אחריה, פשיטא שכל שיכול להיות מושפע עוד, גם צדדים לא מועילים ואסור", עכ"ל. ופשוט דלדעה ב' המובאה לקמן דסגי בד' אמות, א"כ גם בצדדין סגי בד' אמות.

**כא.** וקלמן יתבאר עד כמה צריכה להתרחק.

**כב.** שו"ת הרדב"ז: "ימהר לעבור לפניה אפילו שיעבר תוך ד' אמותיה, או יסלקה לצדדין באופן שלא יראה תנועותיה, ואם לאו יאנס עצמו ויתעכב עד שתלך מלפניו. ואי איכא דרכא אחריתי יסוב מעליה דרכו, ואי ליכא דרכא אחריתי יאנוס עצמו כדכתיבנא ולא ליזל בתרה. ואם אי אפשר באחד מכל אלה והוא ממהר לדבר מצוה ואם יתעכב יעבור זמן המצוה, יתקע עיניו בקרקע וילך ולא יגביהם מן הקרקע", עכ"ל.

**כג.** פתחי תשובה: "תקנתא זו דיתקע עיניו בקרקע לא מהני אלא דוקא בממהר לדבר מצוה".

---

פראקטישע

# עצות

איבערגעגעבן
דורך די ליינער

קיין בושה פון קיינעם ווען ס'קומט אויפ'ן חשבון פון שמירת עינים. די אלע טמא'נע גוים זענען ווי בהמות, איך האב מיט זיי נישט קיין שום שייכות, און איך דארף זיי נישט געפעלן. זיי רעכענען זיך אויך נישט מיט מיר קיין כי הוא זה. און אפילו פון אנדערע אידן, להבדיל, דארף מען געדענקען וואס ס'שטייט אין שלחן ערוך, "לא יתבייש מפני בני אדם המלעיגים עליו בעבודת השי"ת," און וואס די משנה זאגט (עדיות פ"ה מ"ו), "מוטב לי להקרא שוטה כל ימי, ולא ליעשות שעה אחת רשע לפני המקום."

## פראקטיש

7 **ישוב הדעת און רואיגקייט** - נישט אנקומען אינעם טערמינאל די לעצטע מינוט, נאר קומען גענוג פרי, אז מ'זאל זיין רואיג מיט ישוב הדעת. דאס זיין געיאגט מאכט אז מ'זאל זיך ארומקוקן איבעראל, וויבאלד מ'האט נישט די רואיגקייט צו טראכטן וואס מ'טוט (בשם המשפיע הגה"צ ר' צבי מאיר זילבערבערג שליט"א).

8 **אויסרעכענען די זיצן** - מ'זאל פרובירן פון פריער צו באשטעלן די זיצן פונעם פ, אזוי אז ס'זאל נישט אויסקומען צו זיצן נעבן א פרוי, עכ"פ וויפיל ס'איז שייך צו אויסרעכענען. אויך זאל מען פרובירן צו נעמען אזא זיץ וואס וועט זיין גרינגער צו טוישן אויב ס'וועט אויספעלן.

9 **ערשטע קלאס/VIP** - פאר איינעם וואס קען זיך ערלויבן, איז פארן אין ערשטן קלאס, ביזנעס קלאס, א מורא'דיגע מעלה צו קענען היטן די אויגן. אויך אין לופטפעלד איז דא אסאך מאל א VIP סערוויס, וואו ס'איז אסאך שטילער און רואיגער (מ'איז אבער נישט מחויב על פי הלכה דאס צו טון).

10 **אן אנדערן געיט** - זיצן ביי א געיט וואס איז נישט איבערגעפילט. ס'איז ראטזאם צו טרעפן עפעס נאנט צום געיט וואס מ'דארף גיין, כדי מ'זאל קענען הערן אלעס וואס מ'רופט אויס.

11 **זיצן נעבן וואנט/פענסטער** - זיצן ביים געיט נענטער צו דער וואנט, אדער נעבן דעם פענסטער וואו מ'קען ארויסקוקן און האלטן פארנומען די אויגן.

12 **גיין צווישן פרויען** - מ'זאל נישט מקפיד זיין אינעם לופטפעלד נישט צו גיין

<<<

# אן אפגעהיטענע נסיעה

## פראקטישע עצות

איבערגעגעבן דורך די לייענער

צווישן פרויען, ווייל דאס לאדנט איין די אויגן ארומצוקוקן. ענדערש זאל מען האלטן עפעס אין דער האנט (וואס העלפט פאר דער פראבלעם), און מ'זאל אינגאנצן מסיח דעת זיין פונעם ארום (הגה"צ ר' בנימין ראבינאוויטש זצ"ל).

13 **לאזן גיין א מאן פריער** - ווען מען שטייט אין דער רייע ביים ארויפגיין אויפ'ן עראפלאן, זאל מען לאזן גיין פארנט פון זיך א מאן, כדי נישט צו דארפן גיין אחורי אשה (ישראל קדושים פ"ד).

14 **בני בית** - אז מ'גייט צוזאמען מיט די בני בית, איז פראקטיש אז זי זאל רעדן און ערלעדיגן אלעס וואס מ'דארף במשך דער נסיעה. מ'דארף געדענקען אז ביי א נסיעה איז נישט די צייט זיך צו אויסקענען מיט אלעם; ס'וועט גארנישט געשען אויב מ'וועט בלייבן "תמימות'דיג" און אומוויסנד כדי צו היטן די אויגן.

15 **שלאפן אויפ'ן פליגער** - א גוטע עצה איז אויסצורעכענען צו שלאפן אויפ'ן עראפלאן, אזוי שפארט מען איין די נסיונות דורכאויס דעם וועג (בשם הרה"ק בעל נועם אליעזר מסקולען זצ"ל). פאר רוב מענטשן קען ארבעטן א שלאף-פיל אדער וויטאמין, בפרט ווען מ'איז סיי ווי מיד. צומאל איז אבער בעסער ווען מ'איז אויסגערהוט און מ'האט די ישוב הדעת זיך צו היטן, יעדער דארף זיך אליין קענען (ר' צבי מאיר זילבערגערג שליט"א).

16 **א קושן/דאכענע פאר מחיצה** - ווען מ'זעצט זיך אויפ'ן עראפלאן און אין דער רייע פארנט זיצט א פרוי אדער דער סקרין שפילט, קען מען נעמען דעם קושן וואס דער פליגער שטעלט צו און עס לייגן צווישן די צוויי פאדערשטע זיצן, אזוי זאל ער נישט קענען זען (מפי הרה"ג ר' זלמן טייטלבוים שליט"א רב ומו"ץ דביהמ"ד מנחם זאב ק"י). אויב פארן צוויי מענטשן אינאיינעם, קען מען אויך מאכן א מחיצה מיט א דאכענע, דורכ'ן אויסציען אויף די צוויי פאדערשטע זיצן.

17 **Parental Control** - אין פעלער וואס מ'שפירט אז ס'פעלט אויס מער שמירה פונעם סקרין, איז דא אן עצה אנצושטעלן א סעטינג מיט'ן נאמען Parental Control דאס איז א זיכערהייט מאסנאם וואס עלטערן קענען אנשטעלן אז זייערע קינדער

‹‹‹

**אחורי אשה אין לופטפעלד:** ווען מען געפינט זיך אין לופטפעלד וואו מען טרעפט זיך כסדר הינטער פרויען, איז מען נאך אלץ מחויב צו טון וואס מעגליך נישט צו גיין אחורי אשה און זיך שטענדיג צואיילן צו גיין פארנט פון זיי. | **שו"ת שבט הלוי** (חי"א סי' רפה אות ז)[כד].

אויב אבער זעט מען אז מען האט נישט קיין צווייטע ברירה, צב"ש ווען דער גאנצער פלאץ רוישט מיט מענטשן און מען קען נישט ווארטן אדער גיין דורך א צווייטן וועג, מעג מען גיין אחורי אשה מיט אראפגעלאזטע אויגן צו דער ערד. | **יוסף אומץ** (עמ' שמג)[כה], **ערוך השלחן** (אבה"ע סי' כא אות ב)[כו].

ווען מען דארף ארויפגיין אויפ'ן פליגער זאל מען זיך פראבירן צו שטעלן הינטער א מאן, אדער זאל מען זאל זיך שטעלן זייטיג. אויב גייט מען מיט די בני בית, איז ענדערש צו גיין הינטער איר ווי איידער הינטער א פרעמדע פרוי (כאטש סתם אזוי גייט מען אויך נישט אחורי אשתו). | **מלבושי מרדכי** (סי' ט ס"ק יא), **ושכנתי בתוכם** (עמ' קצז).

**מען דארף נישט קוקן:** מען איז נישט מחויב אויפצוהייבן די אויגן און קוקן אויב א פרוי גייט פון פארנט; אדרבה, עס איז בעסער צו גיין מיט אראפגעלאזטע אויגן און נישט וויסן בכלל ווער עס גייט פון פארנט. | **שו"ת שבט הלוי** (חלק י"א סי' רפה אות ו)[כז].

**דער שיעור פון אחורי אשה:** דער שיעור פון אחורי אשה איז ווילאנג מען קען זען איר באוועגונג, אבער אויב איז מען שוין מער אפגערוקט פון דעם איז עס מותר. | **תשובות הראב"י** (סי' נז)[כח], **שו"ת הרדב"ז** (שם)[כט], **דעה א' בבאר היטב** (ס"ק ב').

טייל פוסקים זענען מקיל, אז אויב גייט מען אפגערוקט ד' אמות (בערך 8 פיס) איז מותר צו גיין הינטער איר. | **שי' האריז"ל, דעה ב' בבאר היטב** (אבה"ע שם)[ל].

**דער חומר האיסור:** דער איסור פון גיין אחורי אשה איז זייער הארב, אזוי ווי חז"ל זאגן (עירובין יח:) "אחורי ארי ולא אחורי אשה" - א מענטש זאל ענדערש גיין הינטער א לייב ווי איידער הינטער א פרוי. אויך זאגן חז"ל אויף איינעם וואס גייט הינטער א פרוי וואס איז נישט געקליידט בצניעות און ער קוקט אויף איר (ברכות סא.) "המהלך אחורי אשה בנהר אין לו חלק לעולם הבא" - איינער וואס גייט הינטער א פרוי ביים אריבערגיין א טייך, וואס דעמאלט זי הייבט אויף אירע קליידער צוליב דעם וואסער, און ער קוקט אויף איר[לא], האט נישט קיין חלק לעולם הבא.

**אינעם ווארטזאל:** ווארטנדיג אויפ'ן פליגער זאל מען זיך נישט זעצן נעבן א פרוי. אויב איז נישט דא קיין אנדערן פלאץ, זאל מען ענדערש בלייבן שטיין און זיך היטן די אויגן און מחשבה דאס מערסטע וואס מען קען. | **שו"ת שבט הלוי** (ח"ד סי' קלו)[לב].

אויב זעט מען אז דורכ'ן זיצן אויף יענעם פלאץ וועט מען זיך בעסער קענען היטן די מחשבות ווי ווען מען שטייט, איז בעסער צו זיצן און טראכטן פון תורה ויראת שמים. אבער דאס איז נאר אויב קומט מען נישט צו צו נגיעה, אפילו בלויז דורך די בגדים. | **שו"ת תפארת נפתלי** (סי' קכא)[לג], ועיין **שו"ת ויען יוסף** (ח"ד סי' קמד)[לד].

**פאסטפארט/טיקעט:** מעיקר הדין איז מותר איבערצוגעבן א חפץ אין דער האנט פון א פרוי

---

**כד.** שו"ת שבט הלוי: "שאלה, בימינו דהרחובות מלאות נשים ואף אם יברח מאחת בודאי ימצא שם אחרת, אם יש להקל בדין זה. תשובה, פשיטא דאסור להקל", עכ"ל. עיין בזה בשו"ת מנחת שלמה (להגרש"ז אויערבאך, סי' צא אות כג) מה שכתב בזה אם צריך לילך אחורי אשה מצד הנימוס.

**כה.** יוסף אומץ (להרה"ג יוסף יוזפא מפראנקפארט ז"ל): "אם אי אפשר להטות עצמו לצדדין כאשר רוחב הרחוב מלאה נשים, אזי יהיה שח עינים", עכ"ל.

**כו.** ערוך השלחן: "ובמקומות שהרחובות צרות ואי אפשר להסתלק, יאנוס עצמו ויעצים עיניו ככל האפשר", עכ"ל. (ויש להעיר, דלכאורה מדברי שו"ת הרדב"ז (המובא לעיל) מבואר שאין מקום להקל כי אם כאשר ממהר למצוה, שאם ימתין יעבור זמן המצוה, אבל זולת זה אין שום היתר. וכן מבואר מדברי החפץ חיים (הלכות לשה"ר כלל ו' ס"ה באמ"ח אות יד) שכתב דמשמעות הפוסקים היא שאף אם ליכא דרכא אחרינא אסור להלך אחורי אשה.)

**כז.** שו"ת שבט הלוי: "שאלה, המהלך בדרך אם צריך לבדוק אם אשה מהלכת לפניו, או טוב יותר שלא ידע כלל. תשובה, פשיטא דאם אינו יודע עדיף", עכ"ל.

**כח.** תשובות הראב"י (לבעל האשכול): "אמרו, אחורי ארי ולא אחורי אשה. וששאלת כמה תהא רחוקה ממנו שיוכל ללכת אחריה, אם יוכל למהר פעמיו להקדימה או לסלקה לצדדין, יפה הוא עושה. ואם לאו, אסור לו לילך אחריה כל זמן שהוא רואה ומכוונת כנגדו, מפני הרהור, וצריך להתעכב ולחזור פניו ממנה", עכ"ל (עי' בספר גן נעול-הלכות צניעות וריחק מעריות, פ"ד הערה 27, עיי"ש מה שכתב דסברת בעל האשכול נעלמה מכל האחרונים שהקילו בד' אמות).

**כט.** שו"ת הרדב"ז: "גדר הדבר הוא כל שהוא מרוחק ממנה שאינו מכיר ומבחין בהילוכה ובתנועותיה מותר, אבל כל שהוא מבחין ורואה הילוכה ותנועות איבריה אסור", עכ"ל. וכן פסק להחמיר ביד אהרן (כרך ג' סי' כ"א הג"ט אות ג'), ובאפי זוטרי (סי' כ"א ס"ק ה').

**ל.** וכן פסקו להקל בספר נתיבות לשבת לבעל ההפלאה (אה"ע סי' כ"א ס"א), שו"ת תורה לשמה (סי' שפב).

**לא.** על פי פירש"י (שם) "אחורי אשת איש המגבהת בגדיה מפני המים וזה מסתכל בה". ועיין בתוס' (שם) דהיינו אם מרגיל עצמו בזה.

**לב.** שו"ת שבט הלוי: "אשר שאל בענין אנשים יראי אלקים שצריכים לנסוע באוטובוס מה עדיף, אם לשבת על יד אשה ויכשל לכל היותר בנגיעת בגדים בבגדים, או לקום במקומו ולא ימלט מלהכשל בהסתכלות (והשואל רצה לצדד דמוטב לישב על ידה מלעמוד ולהכניס עצמו לנסיון הסתכלות). תשובה: איני מסכים לזה כלל, דודאי לשבת על ידה כשיש במציאות לעמוד, דנגיעת בגד היא ודאי ויכול לצמוח מזה נגיעת גוף על ידי בגד, משא"כ איסור הסתכלות דאפשר וחייב לעצום עיניו. ועוד, דגם כשיושב על ידה יבוא להסתכלות, ועצם הישיבה על יד ערוה מכניס הרהורים כידוע, והוא בכלל התרחקות מעריות ובכלל מה דכ' אל תקרב וגו'", עכ"ל.

**לג.** שו"ת תפארת נפתלי: "גם זה הוא לפי הענין, שאם עי"ז יצטרך לעמוד אחורי אשה באופן שלא יוכל לכוין בתורה ויראת שמים, טוב יותר לישב שמה, כיון שבאופן זה אין איסור מדינא, כיון שאינו נוגע בה, אעפ"י שלמדת חסידות אין גבול וכל המרבה בפרישות קדוש יאמר לו, מכל מקום צריך להיות מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה, שלא יגרום לו עמידתו משם לידי איסור מדינא כנ"ל. וגם כי ע"י ישבתו במנוחה יוכל לצמצם מחשבותיו יותר ולהעצים עינו ולדבק עצמו בתורה וביראה כראוי, כענין שאמרו (מגילה כ"א.) קשות מיושב, ואחר כוונת הלב הן הן הדברים וכל לבבות דורש ה', באופן שיקיים בכל דרכיך דעהו והא יישר אוחותיך (משלי ג') וארז"ל (ברכות סג.) אפי' לדבר עבירה", עכ"ל.

**לד.** שו"ת ויען יוסף (להבנת השאלה העתקנו לשון השואל בדיוק כפי הנדפס בטהיו"ט ח"ז עמ' נ"ג): "שאלה: מי שנזדמן לו מקום מושבו במסילת הברזל סמוך לאשה היושבת, ויש הפסק אויר קצת באופן שאין בו חשש נגיעה אף מבגדו לבגדה (עי' בשבת יג.), האם מחויב הוא לקום תיכף ממקומו, או דילמא כיון שאומת העולם אינם יודעים מהאיסור הזה ואם כן אם יקום תיכף ממקומו יהי' נחשב בעיניהם כאינו מהנימוס, ומשום כך אולי יוכל להמתין קצת וכעבור איזה רגעים יקום משם ולא ירגישו בדבר. תשובה: לענ"ד אם לא מיהר תיכף ומיד לקום מטעם שחשש על חילול ה' והצטער בלבו על זה, לא עביד נגד מדת חסידות, וכל לבבות דורש ה'", עכ"ל. וראוי להעתיק מה שכתוב עוד שם (אות א'): "אודות האנשים הנוסעים בסאבוועי אשר מלאים דחוקים בעוה"ר מחציפות וטומאות אשר אין להעלות על הכתב, אוי לנו שכך עלתה בימינו שבאים לידי נסיונות גדולות של אביזרייהו דגילוי עריות רח"ל וכו'. על כן בודאי פשיטא דמי שאפשר לו להנצל מזה, דהיינו שיסע למקום העבודה קודם השעה שהסאבוועי מלא ודחוק, בודאי מחוייב לעשות כן. ואם אי אפשר לו לעשות כן, עכ"פ צריך בכל פעם קודם שיסע לחזור במחשבתו שבאם ח"ו יתרמי לו נגיעה וכו' יהיה מלא צער ועגמת נפש מזה, ויקדים להצטער על זה אף קודם שאתרמי, כדי שלא ליפול לשאול תחתית של עבירה שהוא ביהרג ואל יעבור. דבר זה נכון לפרסם להעולם, שידעו באיזה סכנת הנפש הענין נוגע, והשם יתברך יציל עמו בית ישראל מכל פגעים רעים ומרעין בישין וימציא פרנסתם בהיתר ובנחת", עכ"ל.

**לה.** בשו"ע (אב"ע סי' כ"א ס"ה) ברמ"א מובא ב' דיעות בזה,

אויב מען קומט נישט צו צו נגיעה[לה], פונדעסטוועגן שרייבן די פוסקים אז דאס איז אן אומאיידעלע התנהגות וואס ערליכע אידן דערווייטערן זיך דערפון. דעריבער זאל מען לכתחילה פרובירן נישט איבערצוגעבן דעם פאספארט אין דער האנט פון א פרוי. | **שו"ת לבושי מרדכי** (אה"ע מהדורה קמא סי' מט סק"א), **ערוך השלחן** (אה"ע סי' כ"א)[לו], **שו"ת ברוך השם** (חיו"ד סי' פ)[לז], **שו"ת באר משה** (ח"ד סי' קלד)[לח].

**שמירת עינים אויפ'ן פליגער:** אויפ'ן פליגער דארף מען האבן א שטארקע זהירות נישט צו קוקן אויף די טריפה'נע בילדער פונעם סקרין, און אויב קוקט מען אויף זיי איז מען עובר אויפ'ן איסור דאורייתא פון "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם". | **שו"ת באר משה** (ח"ג סי' קנד)[לט], **שו"ת שבט הלוי** (ח"ב סי' ב)[מ].

**ווערן סערווירט:** מען מעג זיך לאזן באדינען אויפ'ן עראפלאן פון א פרוי וואס ברענגט דאס עסן אד"ג, און עס איז נישט דא דערביי דער איסור פון השתמשות בנשים ווייבאלד זי טוט דאס בלויז צוליב איר ארבעט. | **חכמת אדם** (כלל קכה ה"ד),[מא] **ערוך השלחן** (סי' כא ס"ז).[מב]

**זיצן נעבן א פרוי אויפ'ן פליגער:** מען זאל זיך נישט זעצן נעבן א פרוי אויפ'ן עראפלאן, ווייבאלד דאס קען צוברענגען נגיעה, הרהורים און הסתכלות בנשים, און דא איז נאך הארבער ווי סתם אזוי ווייבאלד עס איז פאר א לענגערע צייט. דעריבער אויב איז דער זיץ אויסגעקומען נעבן א פרוי, זאל מען זיך טוישן מיט א צווייטן, אפילו עס קומט אן שווער, ובפרט ווען די פרוי איז נישט געקליידט בצניעות. | **שו"ת שבט הלוי** (ח"ד סי' קלו),[מג] ועי' **בשו"ת מגדלות מרקחים** (אה"ע סי' ג).[מד]

אויב האט מען נישט קיין אנדערע ברירה, זאל מען זיך זעצן דאס מערסטע אפגערוקט וואס איז מעגליך צוליב דעם חשש פון נגיעה, און מען זאל טון וואס מען קען נישט צוצוקומען צו הסתכלות און הרהורים רעים ח"ו. | **שו"ת שבט הלוי** (שם),[מה] **אהלך באמיתך** (פרק כ' אות פ"ז)[מו].

**היטן די מחשבות:** די פוסקים שרייבן אז כאטש חז"ל האבן אויסגערעכנט פארשידענע הלכות וואס מען מעג יא און וואס נישט, פונדעסטוועגן דארף יעדער אליין וויסן ביי זיך וואספארא זאכן ברענגען אים הרהורים, און אויב זעט ער א געוויסע זאך וואס ברענגט אים צו טראכטן שלעכטע מחשבות, טאר ער דאס נישט טון על פי הלכה. | **ספר החינוך** (מצוה קפח)[מז].

**שמירת עינים אין מירון:** אין מירון ביי רבי שמעון דארף מען האבן אסאך שמירת עינים, צוליב דעם גרויסן פארקער וואס איז דא דארט ל"ג בעומר. אזוי אויך איז מען מחויב צו גיין דורך דעם "דרך מהדרין", ווי די הלכה איז אז אויב קען מען גיין אויף א ריינעם וועג, דארף מען גיין דורך דארט, אפילו מען קלערט אז מען וועט זיך פארמאכן די אויגן. אויף דעם זאגן חז"ל (ב"ב נז:) "אי איכא דרכא אחרינא רשע הוא".

אין זוהר הק' ווערט דערציילט (ח"ג פד.) אז אמאל איז רבי שמעון בר יוחאי געגאנגען מיט זיין הייליגע חבריא אויף דער גאס און זיי האבן געזען דארט נשים, האט רבי שמעון תיכף אראפגעלאזט זיינע אויגן און זיך אנגערופן צו די חבריא "אל תפנו אל האלולים" - ד"ה מען זאל נישט קוקן אהין, ווייל אויב יא איז עס ווי זיך קערן צו ע"ז ח"ו.[מח]

ונקטו גדולי הפוסקים העיקר כשי' המקילים (של"ה הק' שער האותיות אות ק', ים של שלמה קידושין פ"ד כ"ו). עי' בבית שמואל (אב"ע סי' כ"א סק"ט, מובא בבאר היטב שם ס"ק ז). וכל זה אם אינו בא לידי נגיעה כמו שכ' בעזר מקודש - בוטשאטש (אב"ע סי' כ"א ס"ו ד"ה וכן מה שנוהגין), דמה שנקטו חז"ל המרצה מעות מידו לידי אשה וכו' שזה משום דלא סגי בלא נגיעה, עיי"ש.

**לו.** ערוך השלחן: "אף שיש מקילין להושיט מידו לידה וכו' מכל מקום הירא את דבר ה' ירחק מכמו אלה", עכ"ל.

**לז.** בשו"ת ברוך השם (מהגה"צ מו"ה משה ראטמאן אב"ד הארדישץ) נשאל בדבר מנהג היראים שלא להושיט כלל ליד אשה אלא מניחים על השלחן, והשיב שאף שמעיקר הדין אין איסור בזה מכל מקום מכוער הדבר לעשות כן, והביא סמיכין לזה מדברי הירושלמי עיי"ש. מובא דבריו בספר מנהג ישראל תורה (אה"ע סי' כא).

**לח.** שו"ת באר משה: "נשאלתי מהו להושיט דבר מה לאשת איש, עד כמה מוכרח וחייב להחמיר. השבתי, המתרחק מכל וכל תבוא עליו ברכה, אבל איסור אין בדבר רק כשמכוון להנאתו", עכ"ל, עיי"ש נימוקיו.

**לט.** שו"ת באר משה: "כל אלו אסורים משום שיבא לידי הרהור, ומה לי ראה בגוף האשה או במראה וכו'. ומכאן תוכחה מגולה שחלילה לראות בטעלעוויזען ואיסור גמור הוא אליבא דכולא עלמא", עכ"ל. ועוד כתב בבאר משה (ח"ד סי' קמז אות כא): "אסור להסתכל בתמונות הנמצאות בעיתונים הנקראים מאגאזינען, שכמעט על כל עמוד ועמוד נמצאות צורות שונות מנשים שונות וכו' וצורות אלו מביאות את האדם לידי הרהור", עכ"ל. וע"ע שם באריכות חומר הדברים.

**מ.** בשו"ת שבט הלוי (ח"ב סי' ב') בא"ד שדן על שוחט אחד שנתודע שהוא מסתכל על כלי הטעלעוויזען: "ראית הטעלעוויזען נראה שאינה רק איסור דרבנן מחמת דקאסרי רבנן, אלא איסור תורה יש בו, הלאו דולא תתורו אחרי לבבכם זו מינות ואחרי עיניכם זו זנות, כמבואר בסוף פ"ק דברכות", עכ"ל.

**מא.** חכמת אדם: "העולם נוהגים היתר, וסומכין על פי הפוסקים דכל זה אינו אסור רק בדבר של חיבה, אבל התשמיש שאנו משתמשין שהוא בדרך שירות ועבדות מותר", עכ"ל.

**מב.** ערוך השלחן: "וכל זה כשהיא עושה לא דרך שירות, אבל דרך שירות נראה שאין איסור בדבר".

**מג.** מובא דבריו לעיל בהערה. ובספר מלבושי מרדכי (סי' ט' הערה י"ג) מוסיף על דבריו: "ושכיח הדבר בנסיעה בפליגע"ר, שאם נקבע לו מקומו ליד אשה, אף שיש לומר שאינו דומה כיון שיש איזה הפסק בין המושבים, מ"מ גם בזה צריך ליזהר, ובמיוחד כיון שהמדובר הוא על נסיעה ממושכת של כמה שעות, ועל כן יש להשתדל מאד להחליף את מקומו ולשבת ליד איש. ובדוק ומנוסה שכאשר מבקשים בנחת מתקבל הבקשה", עכ"ל.

**מד.** שו"ת מגדלות מרקחים (מהגה"צ מצעהלים זצ"ל): "בענין אנשים שמוכרחים ליסע על הסאבוועי וכמה פעמים אי אפשר בשום אופן ליזהר מלישב או מלעמוד אצל אשה, וכמה פעמים בקיץ הולכים הנשים הנ"ל בגלוי בשר. א) הנה על פי הלכה כשהוא דרך התעסקות אין איסור בנגיעה וכו' ובפרט שבנידן דידן הוא לא אפשר ולא קמכוין (עי' פסחים כה:). ב) ומכל מקום אי אפשר לומר כלל בזה, כי הכל לפי מה שהוא אדם, והשי"ת הבוחן כליות ולב יודע מחשבות אדם ותחבולות היצר, כי כמה פעמים מתוך 'שלא לשמה' יוכל לבוא 'לשמה' והכל תלוי באבנתא דלבא. ג) ומי שיודע ומרגיש בעצמו שיוכל ח"ו להזיק לו, הוא מצווה ועומד שלא ליסע אז כשיש דחק בין הנוסעים, רק ימתין על טרעין אחרת. ד) ואפי' מי שמרגיש בעצמו שהיא דמיא עליו ככשורא (כתובות יז), מ"מ אל יאמין בעצמו. על כן כל ערום יעשה בדעת, ויראה שמקומו יהיה אצל זקנה וכדו' ומלובשת כהלכה וכו'. ה) וכל הנ"ל הוא מצד עיקר ההלכה, אבל מי שיראת ד' נוגע בלבבו לא יסמוך על ההיתרים הנ"ל, כי הוא חשש סכנה ח"ו, על כן יראה ליסע בשעה שאין דוחק כ"כ בהטרעין, ולדעתי אין זה דבר קשה והבא לטהר מסייעין אותו", עכ"ל.

**מה.** שו"ת שבט הלוי אחר שבירר חומר הישיבה סמוך לאשה מסיים: "כמובן שלפעמים איקלע למצב שצריך לשבת על ידה בלית ברירה, ואז צריך לעשות כל טצדקי שלא ליגע בה בבגדה, ואין להאריך בפשוט", עכ"ל.

**מו.** אהלך באמותיך (מבעל שו"ת בצל החכמה): "אם מספר הישובה שלו יוצא על יד אשה ואי אפשר להחליף מקום מושבו עם מישהו אחר, ידחוק עצמו לצמצם ישובתו עד כמה שאפשר לצד האחר וישים איזה חפץ בינו לבינה", עכ"ל.

**מז.** ספר החינוך: "וריבוי פרטי הריחוקין שהזהירו עליהן בענין זה, אבל כלל הדבר הוא שלא יעשה שום דבר בעולם המביאו לידי הרהור בנשים, לא במעשה ולא בדיבור ולא שום רמז לקרב דעת האשה הקלה אל דעתו וכו', ואין באפשר להגיד פרטי הענינים שידע האדם לעשות לקרב אליו דעת האשה שהוא קל, ולכן הזהירו ז"ל מהם קצת, ובשאר יזהר כל אחד ואחד לשמור עצמו לפי מה שימצא את גופו כי ה' יראה ללבב", עכ"ל.

**מח.** ע"ע בזה בכד הקמח (לרבינו בחיי אות ז). ובחומת אנך (פר' קדושים) מוסיף דאל תפנו ר"ת **אל ת**'סתכלו **פ**'ני **נ**'שים **ו**'בגדיהן.

# פראקטישע
# עצות

איבערגעגעבן
דורך די ליינער

זאלן נישט קענען אלעס קוקן, און מ'קען דאס ארויפרוקן ביז'ן העכסטן לעוול. איינמאל מ'שטעלט עס אן, קען מען עס נישט צוריקטוישן אליין, נאר דורך דער מאנשאפט.

## זהירות

18 **אויסטון די גלעזער** - אויסטון די גלעזער אין לופטפעלד איז א שטארקע שמירה. אפילו אויב סתם אזוי טוט מען דאס נישט, איז כדאי אין אכט צו נעמען אז א לופטפעלד איז זייער א שמוציגער פלאץ און מ'דארף זיין עקסטער פארזיכטיג.

19 **שוואכערער נומער גלעזער** - אן ענליכע עצה איז אנצוטון א שוואכערן נומער גלעזער.

20 **דוטי-פרי** - דוטי-פרי איז א פלאץ פול מיט מכשולות, און מ'זאל זיך אפהאלטן פון אהינגיין. איידער מ'קלערט פון גיין איינקויפן מציאות אין דוטי-פרי, זאל מען אריינקלערן צי ס'לוינט די פאר דאלאר וואס מ'וועט זיך שפארן קעגן די שמוציגע ראיות אסורות וואס מ'שטויסט זיך אן א דאנק דעם. פאר אן אתרוג צאלט מען טייערער פון דעם...

## שמירה

21 **הוט און גארטל** - גיין מיט א הוט און גארטל איז א שמירה זיך צו האלטן ריין (מפי הגה"צ ר' אברהם צבי וואזנער שליט"א, אב"ד סאטמאר מאנסי שליט"א).

22 **קוקן אויף די ציצית** - קוקן און אנכאפן די ציצית איז א סגולה פאר שמירת עינים און צו קענען כובש זיין דעם יצר, ווי חז"ל דערציילן אז ס'איז געווען עמיצער וואס האט געהאלטן אט אט פאר'ן טון אן עבירה, נאר זיינע ציצית האבן אים געראטעוועט די לעצטע מינוט. דער הייליגער חתם סופר זצ"ל האט זיך געפירט צו שפילן מיט די ציצית ביים רעדן מיט א פרוי (מובא במנהגי חתם סופר).

## התחזקות

23 **מיטנעמען די גליונות** - מ'קען מיטנעמען די גליונות אויף שמירת עינים, זיך מחזק צו זיין דערין במשך דער נסיעה (צו באקומען די גליונות אויף אימעיל, לאזט א מעסעדזש ביי טהור עינים 845.999.4114 #1-9 אדער שיקט א טעקסט מיט אייער אימעיל-אדרעס).

‹‹‹

# פראקטישע עצות

איבערגעגעבן דורך די לייענער

24 **הערן האטליין** - זייענדיג אינעם לופטפעלד קען מען הערן שיעורים, מעשיות, אד"ג איבער שמירת עינים אויפ'ן "עינים" האטליין: 718.977.5554, אדער "קדושת עינים" האטליין:718.362.8845. (דאס איז נישט שייך אויפ'ן עראפלאן זעלבסט, וואו סעלפאנס ארבעטן נישט).

25 **חזר'ן מאמרי חז"ל** - ס'איז כדאי זיך אנצוגרייטן פון פריער איינס אדער צוויי שטארקע מאמרים פון חז"ל אדער צדיקים איבער שמירת עינים, און דאס כסדר חזר'ן במשך דער נסיעה. מ'קען דאס ארויפשרייבן אויף א קליין צעטל און כסדר דאס אפירנעמען און איבערקוקן.

26 **א שמירה פאר די קינדער** - זיך חזר'ן דעם ספר חסידים אז מיט יעדן נסיון וואס איך שטארק מיך, פארזיכער איך בעז"ה אז מיינע קינדער וועלן אי"ה ביישטיין אויב גייען זיי האבן דעם זעלבן נסיון. נו, אויב נישט פאר מיר, זאל איך עס כאטש פאר מייע קינדער - "צא בגין בניך"...

27 **שמחה של מצוה** - כסדר זיך מתבונן זיין ווי יעדע סעקונדע וואס מ'שטארקט זיך, איז מען מקיים צוויי מצוות מן התורה: ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, און ונשמרת מכל דבר רע. דער הייליגער בעל התניא שרייבט אז מ'דארף זיין בשמחה פונקט ווי מ'איז יעצט מקיים א מצות עשה, ווי מצה אדער סוכה, ווייל ביידע זענען אייניג מצוות פונעם הייליגן באשעפער.

28 **דער רבש"ע קוקט אויף דיר** - הרה"ק מטאהש זי"ע האט אמאל געזאגט פאר איינעם וואס האט געדארפט פארן א נסיעה און האט געבעטן אן עצה אויף שמירת עינים: "זיי דיך מצייר זיין די גאנצע צייט ווי דער רבש"ע קוקט דיר אריין אין די אויגן, און זעט אלעס וואס דו קוקסט און דו טראכסט."

29 **גיי מיט א צדיק** - זיך מצייר זיין ווי מ'שפאנט אינאיינעם מיט'ן הייליגן בעל שם טוב, דער רבי רבי אלימלך, אדער סיי וועלכן צדיק. טראכט וויאזוי ער וואלט דא געגאנגען אין לופטפעלד, און וויאזוי איך וואלט געגאנגען נעבן אים.

30 **טראכטן פון נאך דער נסיעה** - אריינטראכטן וויאזוי מ'וועט שפירן נאכ'ן ארויסגיין פונעם טערמינאל ביי דער ענדע פון דער נסיעה, דאס גוטע געפיל און זיסן טעם פון אשרי מי שבא לכאן מיט ריינע אויגן אן קיין מכשולות. דאס קען נאר שפירן אן אמת'ער גיבור, א העלד, איינער וואס איז כובש את יצרו.

31 **פועל'ן ישועות** - געדענקען וואס דער שומר אמונים זצ"ל שרייבט אז ווען א איד שטארקט זיך אין שמירת עינים, קען ער אויס'פועל'ן אין הימל סיי וואס. בפרט ווען מ'פארט אויף קברי צדיקים, זאל מען וויסן אז אויפ'ן וועג קען מען אויסבעטן נישט ווייניגער ווי ביי מקום מנוחתם פון די הייליגע צדיקים. מ'קען זיך אויך אנגרייטן נעמען פון אידן וואס ווארטן אויף ישועות און זיי מזכיר זיין כסדר ווען מ'האט א נסיון און שמירת עינים.

32 **קיינמאל נישט צו שפעט** - ס'איז נישט דא קיין סיי ווי. אפילו אויב האט מען זיך נישט אזוי אכטונג געגעבן א חלק וועג, איז אייביג צייט צו יא היטן די אויגן. אפילו איין רגע וואס מ'היט זיך איז אן אומשאצבארער אוצר לנצח נצחים. ווי דער באקאנטער משל פונעם חפץ חיים אז א דארפישע פרוי און געשטאנען אין מארק פארקויפנדיג עפל, ווען מיטאמאל האט זיך איר קויש איבערגעקערט. אלע מענטשן האבן געכאפט עפל, און די פרוי איז געשטאנען און געוויינט. האט זיך עמיצער אנגערופן צו איר, "דו נאר, כאפ דו כאטש אויך!"

## היסח הדעת

33 **פארטיפן די מחשבה** - פון די בעסטע עצות צו קענען היטן די אויגן איז דאס האלטן די מחשבה פארנומען מיט עפעס. אז מ'קען טראכטן אין לערנען אדער א חסיד'ישן געדאנק, מה טוב ומה נעים. אבער אויב איז דער קאפ נישט מיושב און ס'איז שווער זיך מצמצם צו זיין, קען מען טראכטן פון סיי וועלכער וועלטליכער זאך וואס פארנעמט די מחשבה.

34 **ליין מאטעריאל אד"ג** - ס'איז כדאי זיך מיטצונעמען אינטערעסאנטע זאכן צו ליינען אדער טון אויפ'ן וועג, זיך צו האלטן פארנומען דערמיט. נישט אלעמאל פארמאגט מען דעם ישוב הדעת צו לערנען אין א ספר.

35 **עיר-פאנס** - אזוי אויך קען מען ארויפלייגן שיעורי תורה צי סתם אינטערעסאנטע זאכן אויפ'ן סעלפאן אדער **MP3** און הערן מיט עיר-פאנס.

36 **נישט מאכן קיין עסק** - אפילו אויב באמערקט מען עפעס וואס טויג נישט, זאל מען נישט מאכן קיין עסק דערפון, נאר תיכף אוועקקוקן און נישט טראכטן בכלל. ס'איז זייער שווער אין אזעלכע פלעצער אז מ'זאל גארנישט באמערקן, א מענטש איז דאך נאר א מענטש. דערפאר אפילו אויב זעט מען עפעס, זאל מען גלייך מסיח דעת זיין פון דעם, און נישט לאזן די ראיה נעסטיגן אין דער מחשבה.

א כשר'ע רייזע, און פועלט'ס אלעס גוטס!


טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

845.999.4114
נאכן דריקן 1 פאר אידיש
1 נדבה ליין
2 איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3 הפצה אפטיילונג
4 אויפסיינען אויף אימעיל
9 מערכת אפטיילונג

7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org

המערכת בארץ ישראל 077.401.6591
כתובת המערכת: עבודת ישראל 26, ירושלים 9515528

"טהור עינים" זוכט געטרייע אידן וואס זענען גרייט אפצושרייבן מעסעדשעס וואס פליסן אריין צום מערכת.
אויב זענט איר גרייט ארויסצוהעלפן, אדער אויב ווילט איר העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות, רופט אריין
845.999.4114 #1-9

טהור עינים
24 שעה
נדבה ליין
עקס. 1-1 845.999.4114

זכות עמוד בגליון: $600

שותפי טהור עינים
$100 לחודש
$50 לחודש
$25 לחודש

חלק בהפצת הגליון:
זכות 5,000 גליונות $500
זכות 4,000 גליונות $400
זכות 3,000 גליונות $300
זכות 2,000 גליונות $200
זכות 1,000 גליונות $100

זכות הוצאת הגליון $5,000
זכות הדפסת הגליון {הוצאות הפרינטינג} $1800
זכות הפצת הגליון {הפצת הגליון בכל רחבי תבל} $1800

מיר קענען בלויז אנגיין מיט אייער הילף!

על הטוב יזכר

זכות 5000 גליונות
לזכות **הנדבן ומשפחתו** להצלחה בכל ענינים

זכות 4000 גליונות
לזכות **הנדבן ומשפחתו** להצלחה בכל ענינים

זכות 2000 גליונות
לזכות **יוסף** בן **יענטא** לרפואה שלימה בתוך שאר חולי ישראל, לכבוד **התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי**, לזכות **הנדבן ומשפחתו** ולרגל **אירוסי בנו** למז"ט

זכות 1000 גליונות
מוה"ר **ישראל חיים הערשקאוויטש** הי"ו, הרה"ח **אברהם הערש מענדלאוויטש** הי"ו, הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו, מוה"ר **אליעזר ווייכברויט** הי"ו - לרגל הולדת נכדו למז"ט, מוה"ר **יוסף פערל** הי"ו - לרגל הולדת בתו למזל טוב, מוה"ר **שלמה לאנדא** הי"ו-לע"נ **רחל פרידא הענדל** ע"ה ב"ר **אלימלך** הי"ו, מוה"ר **אהרן משה פריעד** הי"ו לכבוד התנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי, לזכות מוה"ר **שמואל אלחנן הלוי** בן **שרה יהודית** להצלחה בכל הענינים ולע"נ **רבי מאיר בעל הנס** ולכבוד **התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי**, **לזכות הנדבן** - לברכה והצלחה

שותפי טהור עינים
נדבנים חדשים מידי חודש בחודשו
מוה"ר **מרדכי לייב מארקאוויטש** הי"ו,